**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 2/1/2024 **גאווערנער קעטי האקול**

### אויב איר האט דאס פארפאסט: בודזשעט דירעקטאר בלעיק וואשינגטאן'ס גאסט ארטיקל אין EMPIRE REPORT: גאווערנער האקול'ס בודזשעט ברענגט אריין שכל'דיגקייט אין סקול פינאנצירונג

די Empire Report האט היינט פארעפנטליכט א גאסט ארטיקל געשריבן דורך בודזשעט דיוויזיע דירעקטאר, בלעיק וואשינגטאן, איבער גאווערנער קעטי האקול'ס עקזעקיוטיוו בודזשעט אינוועסטירונגען אין סקול פינאנצירונג. דער טעקסט פון דעם מיינונג ארטיקל קען מען לייענען אונטן און קען ווערן געזען אנליין [דא](#).

***גאווערנער האקול'ס בודזשעט ברענגט אריין שכל'דיגקייט אין סקול פינאנצירונג***

*עס קומט זיך פאר פאמיליעס אריבער די סטעיט צו וויסן די פאקטן: אין פשוט'ע ווערטער, קיין איין גאווערנער אין די היסטאריע פון ניו יארק סטעיט האט נישט אינוועסטירט מער אין עדזשוקעישען ווי גאווערנער האקול. זינט זי איז אריין אין אפיס, האט גאווערנער האקול געשריבן און דורכגעפירט צוויי בודזשעטס וואס שטעלן צו איבער 5 ביליאן דאלאר אין צוגעלייגטע פינאנצירונג צו די סטעיט'ס פובליק סקולס. אלס רעזולטאט דערפון איז איר אדמיניסטראציע די ערשטע צו פולשטענדיג פינאנצירן די סקול 'פאַונדעישען עיד' פארמולע וואס איז אוועקגעשטעלט געווארן איבער 15 יאר צוריק. די יעצטיגע עקזעקיוטיוו בודזשעט פארשלאגן פון 35.3 ביליאן דאלאר פאר פובליק סקולס רעכנט אריין א נייע 825 מיליאן דאלאר, צושטעלנדיג די העכסטע סומע פינאנצירונג צו שטיצן אונזערע סקולס אין די סטעיט'ס היסטאריע. צווישן די צוגעלייגטע סטעיט אינוועסטירונג אין די לעצטע דריי דורכגעפירטע בודזשעטס און די צוגאב פון נאך 13 ביליאן דאלאר אין אויסערגעווענטליכע פעדעראלע הילף, האבן ניו יארק'ס פובליק סקולס באקומען 20 ביליאן דאלאר אין פארמערטע הילף אין בלויז איבער דריי יאר'ס צייט. די גאווערנער האט ערפילט איר צוזאג, און ניו יארק'ס פובליק סקולס זענען קיינמאל נישט געווען אזוי גוט אויסגעשטאט מיט מיטלען.*

*אין פאקט, באקומען סקול דיסטריקטס מיטלען שנעלער ווי זיי קענען עס אויסגעבן. די העכערונגען בכפלי כפליים אין די קורצע צייט אפשניט האבן אויפגעטריבן שנעלע וואוקס אין דיסטריקט רעזערוון, ווי ארויסגעוויזן דורך די סומעס געלטער אין קאסעס אריבער די סטעיט וואס זענען לעצטנס געוואקסן מיט איבער* ***2.7 ביליאן דאלאר*** *אין בלויז דריי יאר, מיט רעזערוון אריבער די סטעיט יעצט האבנדיג א סך הכל פון 10.5 ביליאן דאלאר אדער 24 פראצענט פון די בודזשעטס פון דיסטריקטס. כאטש דער סטעיט געזעץ ערלויבט פאר דיסטריקטס צו אוועקלייגן א באשיידענע סומע פון רעזערוון פאר אומערווארטעטע אויסגאבן, דאך האלטן יעצט דיסטריקטס* ***כמעט 1 ביליאן דאלאר*** *אין אוועקגעלייגטע געלט וואס שטייגן איבער די געזעצליך-ערלויבטע סומעס.*

*די סטעיט'ס סקול עיד פארמולע שטעלט צו פינאנצירונג פאר דיסטריקטס געוואנדן לויט עטליכע ציפערן, אריינרעכענענדיג די אלגעמיינע צאל פון איינגעשריבענע קינדער, די נויט פון די סקול קינדער און די רייכטום אין די דיסטריקט. דאס אינוועסטירן אויף אזא אופן מאכט זיכער אז ניו יארק סטעיט לייגט פריאריטעט מיט אירע מיטלען פאר די דיסטריקטס וועלכע דארפן דאס די מערסטע.*

*א באזונדערע מאסנאם אין סטעיט געזעץ זאגט אז דיסטריקטס באקומען אייביג צום ווייניגסטנס אזוי פיל פאַונדעישען עיד וויפיל זיי האבן באקומען אין די פאריגע יאר, אפגעזעהן פון די רייכטום אין די דיסטריקט, די נויט פון די סקול קינדער אדער ענדערונגען אין די באפעלקערונג. עס פארשטייט זיך אז ווי מער דיסטריקטס ווערן "באהיטן פון שאדן" אונטער די דערמאנטע סעיף פון דעם געזעץ – דערמיט זיך ערהוילן פון די פאַונדעישען עיד פארמולע – בלייבן ווייניגער און ווייניגער סטעיט מיטלען איבער למעשה פאר סקול קינדער אין נויטבאדערפטיגע סקול דיסטריקטס אדער פאר אזעלכע דיסטריקטס וואס וואקסן אין גרויסקייט.*

*ניו יארק אינוועסטירט מער אין די חינוך פון אונזערע יונגע מענטשן ווי סיי וועלכע אנדערע סטעיט אין דאס לאנד, און מיט א גרויסע אונטערשייד. די סטעיט גיבט אויס* ***איבער $26,500 פער קינד אין סקול —*** *דאס איז* ***85% העכער*** *פון די נאציאנאלע דורכשניט. אין דעם זעלבן צייט, אזוויי די סטעיט האט אויסגעגעבן מער אויף די חינוך פון אונזערע יונגע מענטשן, האבן אונזערע סקולס געזעהן א כמעט-10% רעדוקציע אין די צאל איינגעשריבענע קינדער זינט 2014. אין א צייט ווען שווערע באשלוסן זענען פארלאנגט צו פארמאכן א באדייטנדע לאך אין די בודזשעט, מוזן די הינזיכטן געמומען ווערן אין חשבון.*

*אין א צייט ווען רוב דיסטריקטס האבן רעקארד-הויכע סומעס פון קעש אין האנט, זאגט די שכל אז די עקזעקיוטיוו בודזשעט דארף אנהויבן רעדן איבער וויאזוי צו אדרעסירן די קאמפליצירטע פראגע פאר די לאנגע טערמין, בשעת'ן אין דעם זעלבן צייט ערלויבן די סטעיט צו פארזעצן אירע אינוועסטירונגען אין די פילע אנדערע סערוויסעס אויף וועלכע ניו יארקע פאמיליעס פארלאזן זיך. שטייער-באצאלנדע בירגער דארפן ערווארטן גארנישט ווייניגער פון דעם.*

*נאך צוויי יאר פון פרעצעדענטלאזע וואוקס אין סטעיט שפענדונג, זוכט די עקזעקיוטיוו בודזשעט צו היטן אויף די זיגן וואס זענען געוואונען געווארן אין גאווערנער האקול'ס ערשטע צוויי בודזשעטס, בשעת'ן ברענגען די שפענדונג צו זיין אין איינקלאנג מיט די איינקונפטן, דערמיט ארויפלייגנדיג אונזער סטעיט'ס פינאנציעלע פלאן אויף סטאבילע רעלסן. די פארגעשלאגענע בודזשעט עלימינירט א 4.3 ביליאן דאלארדיגע לאך בשעת'ן נאכאלץ פארמערן אינוועסטירונגען אין אלגעמיין מיט כמעט 4.5 פראצענט; עס זעצט פאר גאווערנער האקול'ס פארפליכטונג צו פובליק זיכערהייט און פובליק געזונטהייט, ברייטערט אויס צוטריט צו גייסטישע געזונטהייט סערוויסעס און שטעלט צו די נויטיגע מיטלען צו גיבן א חינוך פון א הויכע קוואליטעט פאר אונזערע קינדער.*

*אנשטאט פרעגן די פראגע, "וויפיל מער געלט באקומען אונזערע סקולס?", דארף די פראגע זיין "פארוואס האבן מיר א פארמולע וואס צווינגט אונז צו באצאלן פאר סקול קינדער וואס עקזיסטירן נישט?" די פראגעס זענען די קאמפליצירטע דיסקוסיעס וואו די גאווערנער פרובירט צו ארייינברענגען אביסל שכל אזוי ווי מיר ארבעטן צוזאמען מיט דיסטריקטס, פאמיליעס, די לעגיסלאטור און פארמישטע קערפערשאפטן אין די בעפארשטייענדע בודזשעט. נאר דאן קענען מיר טרעפן עכטע, אנהאלטנדע לייזונגען אויף וועלכע שטייער-באצאלנדע ניו יארקער קענען זיך פארלאזן בשעת'ן פארזיכערן אז אונזערע לערער באקומען די מיטלען וואס זיי דארפן צו קענען אויפציהען דעם קומענדיגן דור פון ניו יארקער.*

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
**ניו יארק סטעיט** | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן